**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג***

***16 טויטפעלער באריכטעט איבערן סטעיט אום פרייטאג, מערץ 10***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19 און האט אויסגערעכנט די פשוט'ע שריט וואס מען קען נעמען זיך צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון אטעמען-רער ווירוס אינפעקציעס וועלכע פארשפרייטן זיך מער אין דעם ווינטער סעזאן.

"יעדע ניו יארקער מוז בלייבן וואכזאם און פארזעצן צו איסנוצן די כלים וואס מיר האבן צו האלטן זיך אליין, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בלייבט צייטליך מיט די וואקסין דאזעס און זיך צו טעסטן בעפארן גיין צו פארזאמלונגען אדער אויף רייזעס. אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט מיט אייער דאקטאר איבער פאטענציעלע באהאנדלונג אפציעס."

גאווערנער האקול טוט מוטיגן ניו יארקער אנצונעמען געוויינטלעכע צוריקהאלט מיטלען - אזוי ווי בלייבן אינפארמירט וועגן וואקסינען און פראקטיצירן געהעריגע היגיענע - צו שיצן פון דער פלו און קאוויד-19 און פארקלענערן דעם עול פון פאציענטן אויף די לאקאלע שפיטעלער. דער גאווערנער האט איבערגעחזרט די פונדעמענטאלע טריט ווען זי האט אמענדירט ניו יארקער וועגן דער סטעיטס געזונט צוגעגרייטקייט באמיאונגען דעם ווינטער.

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) איז לעצטנס ארויסגעקומען מיט א 12-וואכיגע קאמפיין אויף טעלעוויזיע, סאָושעל מידיע און אויף מוזיק/ווידעאו סערוויסעס צו מוטיגן ניו יארקער אין פארשידענע מעדיצינישע אומשטענדן צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון ווערן און זיך האלטן צייטליך מיט די רעקאמענדירטע קאוויד-19 'בייוועילענט' בוסטער צו פארמיידן ערנסטע קראנקהייט אדער טויט רח"ל. די מעדיצינישע אומשטענדן רעכענען אריין מענטשן וועלכע זענען 65 יאר אדער עלטער, טראגעדיג, איבערוואגיג, האבן צוקער קראנקהייט אדער ליידן פון א הארץ אדער לונגען קראנקהייט אדער מענטשן וועלכע האבן אן אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם.

אין צוגאב האט די העלט דעפארטמענט פארעפנטליכט איר וועכנטליכע פלו נאכפאלגונג באריכט פאר די וואך וואס האט זיך געענדיגט אום מערץ 4, און עס ווייזט אז אינפלוענזא בלייבט ברייט פארשפרייט איבער די גאנצע סטעיט פאר די צוויי און צוואנציגסטע וואך אין א ציה, מיט א סך הכל פון 319,547 פאזיטיווע פעלער דעם סעזאן ביז היינט. די באריכט האט געפונען אז די צאל פעסטגעשטעלטע פעלער

איבערן סטעיט איז געפאלן מיט 2 פראצענט צו 1,854 פאר דעם וואך, אין די צייט וואס אלגעמיינע האספיטאליזאציעס זענען געפאלן מיט 33 פראצענט פון די פאריגע וואך, האלטנדיג ביי 131 האספיטאליזאציעס אריבער די סטעיט.

עס זענען געווען פינף אויסברוכן אין אקיוט קעיר און לאנג-טערמיניגע קעיר אנשטאלטן, באשטימט די באריכט. קיין איין פלו-פארבינדענע טויטפאל צווישן קינדער איז נישט באריכטעט געווארן די וואך, לאזנדיג דעם סך הכל איבערן סטעיט אויף 11.

מיט דעם פארזעצונג פונעם פלו סעזאן, דערמאנט גאווערנער האקול אלע ניו יארקער אז עס איז נישט צו שפעט צו באקומען זייער יערליכער פלו וואקסין. דער פלו ווירוס און דער ווירוס וואס ברענגט קאוויד-19 דרייען זיך ביידע ארום, און דערפאר איז דאס וואקסינירט ווערן קעגן ביידע די בעסטע וועג צו בלייבן געזונט און פארמיידן פון די העלט קעיר סיסטעם צו ווערן איבערגעשטרענגט.

די העלט דעפארטמענט זעצט פאר איר יערליכע פובליק אויפקלערונג קאמפיין צו דערמאנען ערוואקסענע און עלטערן צו באקומען סיי די פלו און די קאוויד-19 שאָט פאר זיך אליין און פאר קינדער פון 6 חודשים און עלטער. פאר אינפארמאציע איבער פלו וואקסין קליניקס, פארבינדט אייך מיט די לאקאלע העלט דעפארטמענט אדער באזוכט vaccines.gov/find-vaccines.

גאווערנער האקול זעצט אויך פאר צו מוטיגן ניו יארקער צו באקומען זייערע 'ביוועילענט' קאוויד-19 וואקסין בוסטערס. אין דעצעמבער, האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אנאנסירט נייע אנווייזונגען פאר 'ביוועילענט' קאוויד-19 בוסטער דאזעס וועלכע זענען יעצט דא צו באקומען פאר בארעכטיגטע קינדער פון אזוי קליין ווי 6 חודשים אלט.

די נייע בוסטערס זענען די ערשטע צו ציהלן די אריגינעלע סארט פון דעם ווירוס ווי אויך די לעצטיגע וואריאנטן וועלכע דרייען זיך ארום, און זיי זענען רעקאמענדירט פאר יונגע ניו יארקער און פאר אלע וואס זענען בארעכטיגט. צו באשטעלן אן אפוינטמענט פאר א בוסטער, זאלן ניו יארקער רופן זייער לאקאלע אפטייק, קאונטי העלט דעפארטמענט, אדער העלט קעיר פראוויידער; באזוכט vaccines.gov; טעקסט זייער זיפקאד צו 438829, אדער רופט 1-800-232-0233 צו טרעפן לאקאציעס דערלעבן.

די היינטיגע ציפערן ווערן אונטן איבערגעגעבן אין קורצן:

- **פעלער פער 100,000** - 3.45
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 5.85
- **טעסט רעזולטאטן באריכטעט** - 25,557
- **סך הכל פאזיטיוו** - 674
- **פראצענט פאזיטיוו** - 2.51%**
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פראצענט פאזיטיוו** - 2.25%**
- **פאציענטן האספיטאליזירט** - 1,418 (-90)
- **נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 193
- **פאציענטן אין ICU** - 145 (-3)
- **פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע** - 49 (0)
- **סך הכל באפרייטע פאציענטן** - 406,259 (+270)
- **נייע טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 16
- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 61,994

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט אוו העלט און יומען סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט ציפערן סיסטעם ( Health Electronic Response Data System, HERDS) איז א מקור פון ציפערן פון די NYS DOH וואס זאמלט ציפערן איבער באשטעטיגטע טעגליכע טויטפעלער, נאר די וואס ווערן באריכטעט דורך שפיטעלער, נוירסינג היימער און מושב זקנים אנשטאלטן.

**וויכטיגע באמערקונג:** אנגעהויבן פון מאנטאג, אפריל 4, פארלאנגט מער נישט די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס ( Department of Health and Human Services) פון טעסטינג פלעצער וועלכע נוצן קאוויד-19 שנעלע אנטידזשען טעסטס צו באריכטן נעגאטיווע רעזולטאטן. אלץ רעזולטאט דערפון וועט ניו יארק סטעיט'ס פראצענט פון פאזיטיווע פעלער אויסגערעכנט ווערן נוצנדיג נאר PCR רעזולטאטן באריכטעט דורך לאבארעטאריעס. פאזיטיווע אנטידזשען טעסטס וועלן נאכאלץ באריכטעט ווערן צו ניו יארק סטעיט, און די באריכטונג פון נייע טעגליכע פעלער און פעלער פער 100 טויזנט מענטשן וועלן פארזעצן אריינצורעכענען סיי PCR און סיי אנטידזשען טעסטס. צוליב די טויש און צוליב אנדערע חשבונות, אריינרעכענענדיג ענדערונגען אין טעסטינג כללים, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט צו און געזאמלט דורך די CDC** 78,901

די טעגלעכע קאוויד-19 דערוויילגע טויט סערטיפיקאט דאטא באריכטעוועט ביי NYS DOH און NYC צו דער CDC רעכנט אויס יענע וואס זענען געשטארבן אין סיי וועלכע לאקאציע, ווי אויך אין שפיטעלער, בתי אבות, מושב זקינים, אינדערהיים, אין האספיס און אין אנדערע פיקסירונגען.

יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000 מענטשן איז ווי פאלגנד:

| ראיאן | פרייטאג, מערץ 10, 2023 | שבת, מערץ 11, 2023 | זונטאג, מערץ 12, 2023 |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 6.81 | 6.57 | 6.48 |
| Central New York | 8.40 | 7.94 | 7.85 |
| Finger Lakes | 9.24 | 9.31 | 9.20 |
| Long Island | 5.97 | 5.76 | 5.60 |
| Mid-Hudson | 4.98 | 5.02 | 5.01 |
| Mohawk Valley | 6.92 | 6.45 | 6.03 |
| New York City | 4.58 | 4.53 | 4.36 |
| North Country | 11.18 | 11.08 | 10.74 |
| Southern Tier | 10.76 | 10.45 | 10.22 |
| Western New York | 8.99 | 8.86 | 8.74 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **6.10** | **5.99** | **5.85** |

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן פאר יעדע ראיאן באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד**:

| ראיאן | פרייטאג, מערץ 10, 2023 | שבת, מערץ 11, 2023 | זונטאג, מערץ 12, 2023 |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 4.99% | 5.00% | 4.92% |
| Central New York | 4.77% | 4.63% | 4.64% |
| Finger Lakes | 5.57% | 5.66% | 5.63% |
| Long Island | 2.44% | 2.45% | 2.48% |
| Mid-Hudson | 1.00% | 1.00% | 1.03% |
| Mohawk Valley | 5.12% | 4.85% | 4.56% |
| New York City | 1.46% | 1.48% | 1.43% |
| North Country | 6.04% | 6.26% | 6.10% |
| Southern Tier | 5.47% | 5.38% | 5.29% |
| Western New York | 9.20% | 9.47% | 9.48% |
| **אין די גאנצע סטעיט** | 2.25% | 2.27% | 2.25% |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט אוו העלט און יומען סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן אין יעדע באראו פון ניו יארק סיטי באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד **:

| באראו אין NYC | פרייטאג, מערץ 10, 2023 | שבת, מערץ 11, 2023 | זונטאג, מערץ 12, 2023 |
|---|---|---|---|
| Bronx | 1.71% | 1.77% | 1.71% |
| Kings | 0.97% | 0.96% | 0.95% |

| | | | |
|---|---|---|---|
| New York | 2.22% | 2.29% | 2.19% |
| Queens | 1.89% | 1.97% | 1.92% |
| Richmond | 1.61% | 1.60% | 1.59% |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט אוו העלט און יומען סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

נעכטן האבן 674 ניו יארקער געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד־19 אין ניו יארק סטעיט, וואס ברענגט דעם סך הכל צו 6,637,374. די געאגראפישע צוטיילונג איז ווי פאלגנד:

| קאונטי | סך הכל פאזיטיוו | נייע פאזיטיוו |
|---|---|---|
| Albany | 79,492 | 10 |
| Allegany | 10,919 | 2 |
| Broome | 59,397 | 10 |
| Cattaraugus | 19,433 | 2 |
| Cayuga | 20,668 | 6 |
| Chautauqua | 29,794 | 10 |
| Chemung | 26,864 | 4 |
| Chenango | 11,918 | - |
| Clinton | 22,968 | 1 |
| Columbia | 14,056 | 3 |
| Cortland | 13,593 | 3 |
| Delaware | 10,253 | 1 |
| Dutchess | 85,523 | 9 |
| Erie | 271,617 | 47 |
| Essex | 7,843 | 2 |
| Franklin | 12,277 | 7 |
| Fulton | 16,769 | 1 |
| Genesee | 16,765 | 5 |
| Greene | 11,132 | - |
| Hamilton | 1,105 | - |
| Herkimer | 17,626 | 1 |
| Jefferson | 27,510 | 3 |
| Lewis | 7,415 | 1 |
| Livingston | 14,537 | 5 |
| Madison | 16,998 | 4 |
| Monroe | 194,012 | 44 |
| Montgomery | 15,181 | 2 |
| Nassau | 551,190 | 50 |
| Niagara | 60,123 | 7 |
| NYC | 3,091,738 | 218 |

| | | |
|---|---|---|
| Oneida | 69,677 | 2 |
| Onondaga | 143,848 | 19 |
| Ontario | 26,474 | 8 |
| Orange | 140,748 | 15 |
| Orleans | 10,673 | 5 |
| Oswego | 34,986 | 2 |
| Otsego | 13,434 | 1 |
| Putnam | 31,803 | 5 |
| Rensselaer | 42,173 | 9 |
| Rockland | 119,242 | 8 |
| Saratoga | 62,051 | 10 |
| Schenectady | 44,103 | 5 |
| Schoharie | 6,649 | 1 |
| Schuyler | 4,367 | - |
| Seneca | 7,770 | 4 |
| St. Lawrence | 26,625 | 5 |
| Steuben | 25,597 | 9 |
| Suffolk | 570,170 | 47 |
| Sullivan | 24,859 | 4 |
| Tioga | 14,207 | 1 |
| Tompkins | 26,916 | 8 |
| Ulster | 43,600 | 2 |
| Warren | 19,114 | 3 |
| Washington | 16,040 | 1 |
| Wayne | 22,142 | 6 |
| Westchester | 336,880 | 32 |
| Wyoming | 10,033 | 4 |
| Yates | 4,477 | - |

פאלגנד זענען די ציפערן וועלכע ווייזן וויפיל האספיטאליזירטע מענטשן וועלכע האבן געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 זענען האספיטאליזירט געווארן צוליב קאוויד-19/קאוויד-19 קאמפליקאציעס און וויפיל זענען האספיטאליזירט געווארן פאר פראבלעמען נישט פארבינדן צו קאוויד-19:

| **ראיאן** | **קאוויד-19 פאציענטן יעצט האספיטאליזירט** | **האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד** | **פראצענט האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד** | **האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע** | **פראצענט האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע** |
|---|---|---|---|---|---|

| | | | | | ע |
|---|---|---|---|---|---|
| Capital Region | 110 | 62 | 56.4% | 48 | 43.6% |
| Central New York | 75 | 47 | 62.7% | 28 | 37.3% |
| Finger Lakes | 213 | 61 | 28.6% | 152 | 71.4% |
| Long Island | 187 | 83 | 44.4% | 104 | 55.6% |
| Mid-Hudson | 136 | 54 | 39.7% | 82 | 60.3% |
| Mohawk Valley | 23 | 11 | 47.8% | 12 | 52.2% |
| New York City | 423 | 163 | 38.5% | 260 | 61.5% |
| North Country | 41 | 17 | 41.5% | 24 | 58.5% |
| Southern Tier | 69 | 20 | 29.0% | 49 | 71.0% |
| Western New York | 141 | 50 | 35.5% | 91 | 64.5% |
| **אין די גאנצע סטעיט** | 1,418 | 568 | 40.1% | 850 | 59.9% |

דער אָמיקראָן וואריאנט פארטרעט איצט איבער 95 פראצענט פון די ווירוסען וואס פארשפרייטן זיך. פאר מער אינפארמאציע איבער וואריאנט נאכשפירן, ביטע באזוכט דא: קאוויד-19 וואריאנט ציפערן | העלט דעפארטמענט (ny.gov).

פרייטאג, מערץ 10, זענען 16 נייע טויטפעלער צוליב קאוויד-19 באריכטעט געווארן, ברענגענדיג דעם סך הכל צו 61,994. א געאגראפישע צוטיילונג לויט דער קאונטי וואו די מענטשן האבן געוואוינט איז ווי פאלגנד:

| **קאונטי** | **נייע טויטפעלער** |
|---|---|
| Erie | 4 |
| Kings | 1 |
| Monroe | 2 |
| New York | 1 |

| | |
|---|---|
| 1 | Onondaga |
| 2 | Queens |
| 1 | Rensselaer |
| 1 | St. Lawrence |
| 1 | Steuben |
| 2 | Suffolk |
| 16 | אלעס צוזאמען |

*וויכטיגע באמערקונג: HERDS ציפערן זאמלונג פון העלט קעיר אנשטאלטן איז יעצט נישט פארלאנגט סוף וואך אדער אויף האלידעיס. די ציפערן מיט א שטערן זענען באריכטעט געווארן אום פרייטאג, מערץ 10. די זאמלונג וועט זיך צוריק אנהויבן היינט, און די ציפערן וועלן ערשיינען אין די מארגנדיגע באריכט.*

ניו יארקער וועלכע ווילן באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5 ביז 11-יעריגע קינדער ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד'ס דאקטאר, פאמיליע דאקטאר, קאונטי העלט דעפּארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס, רורעל העלט צענטערס, אדער פּאַרמאַסיס וועלכע קענען גיבן דעם וואקסין פאר קינדער אין די עלטער. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו דעם פייזער-בייאוענטעק קאוויד-19 וואקסין, ווייבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.

באזוכט אונזער וועבזייטל פאר עלטערן און גארדיענס מיט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס און מיט נאך מיטלען ספעציעל געמאכט פאר עלטערן און גארדיענס פון קינדער אין די עלטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן